STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05374

DERMONUNGEN

Perl Halter

Permanent preservation of this book was made possible
by Lynn K. Kroll
in memory of
Eugene J. Korda (Johann Kupferman)

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

Perl Halter : Réminiscences (Dermonungen), Poèmes / Marek Halter : Couverture et dessins / Copyright 1953 by A.B. Cerata, Paris / Impr. Abécé, 11 r. L.-Blanc, Paris 10e / Printed in France

הילע, פּאָרטרעט פון מחבר און צייכענונגען
— מאַרעק האַלטער / געזעצט און צוגעגרייט
צום דרוק — שלמה האַלטער / געדרוקט
נפתלי מילנער אין דרוקעריי פון י. שעכטער

פּערל האַלטער

פּערל האַלטער : דערמאָנונגען / לידער און פּאָעמעס

פערל האַלטער

פערל האלטער

דערמאָנונגען

לידער און פּאָעמעס

תשי״ג / 1953

פאַרלאַג א. ב. צעראַטאַ / פּאַריז

דאָס בוך איז געווידמעט מיין
יונג = פאַרשטאָרבענעם ברודער
יחיאל פייוול ראָטשטיין
נפטר געוואָרן אין קאַלגאַרי,
קאַנאַדע, דעם 21טן מאי 1952,
איינציקער זון פון מיינע
הייסגעליבטע עלטערן
אברהם משה
(אומגעקומען אין אויפשטאַנד פון
וואַרשעווער געטאָ)
און ברײנדל
פון דער הײם קלײנבאַרד ז"ל

דערמאָנונגען, דערמאָנונגען, רעגנבויגן פֿאַרביקע,
אין שטילע שקיעות טרויריקע, פֿאַרזיגלט מיט אַ טרער.
מיט לעבעדיקן צאַפּל, ווי צעשפּילטע טענער האַרפֿיקע,
איר פֿלעמלט שטענדיק אַרום מיר, ווי אַ תּמיד־נר.

דערמאָנונגען, דערמאָנונגען, טרערן־לאָגלען האָרביקע,
פֿון אומעט־טאָל געצווייגענע מיט ביטערניש פֿון פּײַן.
שטענדיק פֿריש געבוירענע און קיין מאָל אמת שטאַרביקע
מיט אַלע טעג פֿאַרגאַנגענע איר וואַקסט אין מיר אַרײַן.

פון מיין קינדהייט

מיין מאַמע איז אָרעם געווען פון איר היים,
דאָך האָט זיך אַ גדלות געפילט אין איר גיין.
נאָר ס'איז די גדלות געווען נישט סתם,
ווייל רייך אינעם יחוס געווען איז איר שטאַם.

אַ ליכטיקער פרילינג איר פנים. די אויגן
מיט עפּעס אַ וואָלקנדל אומעט פאַרצויגן
און אויבעט דאָס ביסעלע אומעט איז חן —
דאָס ווייזט, אַז זי טראַכט און קען אַלצדינג פאַרשטיין:
ווען עמעצער שלעכט נאָר עס לעבט ביי איר זייט,
מען זעט, ווי זי ליידט, פילט מיט און פאַרשטייט;
ווען עמעצן שווער נאָר עס איז אין געמיט,
מען ווענדט זיך צו איר און מען טיילט זיך דערמיט,
און זי באַלד פאַר יעדן אַ טרייסטוואָרט געפינט,
פאַר יעדן, פאַר יעדן, פאַר אַלט און פאַר קינד.

ווי ווייט אין מיין קינדהייט איך קען זיך דערמאָנען,
געווען איז קיין בייזקייט אין איר צו דערקאָנען.
מיר דאַכט זיך, די שענסטע געווען ז'איז אין שטאָט,
מיר דאַכט זיך, פאַר איר נאָר געבליט האָט דער כאַד.

פאַר איר זינגען פייגל דאָס פרילינג־געזאַנג.
אַזוי איך געדענק זי, כאָטש לאַנג ס׳איז, שוין לאַנג.

מיין קינדהייט געהיטן האָט זי און דערצויגן,
דעם טראָט וואָס איך שטעל — אים געמאָסטן, געוויגן,
וואָס פאַלש און וואָס שלעכט איז, און וואָס איז נישט שיין,
אויך אַלץ וואָס איז ריכטיק — געמאַכט מיך פאַרשטיין.
און אַלץ וואָס איז שיין — אין מיר וויל זי פאַרפלאַנצן,
מיר דאַכט: איר נשמה פילט אוים מיך אין גאַנצן — ·
כאָטש ס׳זענען געוועזן נאָך קינדערלעך פיר,
און טייער איז יעדעם געוועזן ביי איר,
(יעדעם איז ציטריק און יעדעם מיט חן
און יעדן געקוקט אין די אויגן אַריין,
ביי איטלעכן פריער געכאַפּט זיין געדאַנק,
צו יעדן געשעפּטשעט: פון גאָט אַ געשאַנק —)
דאָך דאַכט מיר, די ערשטע געווען כ׳בין אין שטוב,
דאָך דאַכט מיר, איר בליק האָט אויף מיר נאָר גערוט.
אַמערשטן מיין ווילן און רייד אויסגעהערט,
און אויך די קאַפּריזן אַ מאָל נישט פאַרווערט,
אויב האָט זי איר וואָרט ווען געזאָגט נאָר אויף — ניין,
עס העלפט נישט קיין בעטן און נישט קיין געוויין,
דאָך מיט איר געדולד, מיט איר רו און מיט רייד,
פאַרבייט זי ס׳געוויין באַלד אויף לאַכן און פרייד.

און אַלץ האָט געאָטעמט מיט ליבע צו איר
און אַלץ האָט געשטראָמט צו איר אָפענער טיר.

***

איין מאָל, כ׳געדענק — כאָטש געווען איך בין קליין —
אַ מאָן איז פּאַמעלעך און פאָרכטיק אַריין
צו אונדז אין דער שטוב, זיך געשטעלט ביי דער וואַנט —
אַ פרעמדער, אַ מאָדנער, אַ רענצל אין האַנט.
געעפנט דאָס רענצל, ווי עפּעס פאַרשעמט,
מיט מידקייט זיין גוף אָן דער וואַנט אָנגעלענט.
די מאַמע איז געשטאַנען ווי עפּעס דערשראָקן,
געקוקט אינעם רענצל אויף קעמלעך און זאָקן.
די מאַמע פאַרשטייט, אַז זי דאַרף עפּעס קויפן,
זי דאַרף צו די שכנים אויך אפשר לויפן,
דער פרעמדער זאָל קאָנען וואָס מערער נאָר לייזן.
ער האָט אפשר קינדערלעך קליינע צו שפּייזן?
נאָר ס׳איז אַלץ דער פרעמדער פאַשטיינערט געשטאַנען,
מען זעט, אין זיין בליק איז אַ סוד גאָר פאַראַנען,

...איז אפשר, מיין שיינקייט, אַ סוד ווילט איר האַנדלען?
אַ סוד פון אַ לעבן פון ראָזשינקעס — מאַנדלען... —

צעקלינגט זיך זיין שטים, אָט שטיל און באַלד העכער,
עס דאַכט זיך, אַז מעד פליסט פון גילדענע בעכער,
עס דאַכט זיך, אַז זילבערנע גלעקעלעך קלינגען
און טרויעריק, גאָר טרויעריק עס הערט זיך זיין זינגען.

איך הער זיין געזאַנג פון ראָזשינקעס, מאַנדלען
און כ׳טראַכט: וואָס דאַרף ער מיט קעמלעך גאָר האַנדלען?

„ס׳וועט קומען אַ צייט פון אייזערנע באַנען"...
— עס זענען דאָך אייזערנע באַנען פאַראַנען!
נישט לאַנג כ׳בין אַליין אויף אַ באַן דאָך געפאָרן,
דורך דערפער און פעלדער מיט ווייץ און מיט קאָרן.
דער פרעמדער מוז זיכער אַ משל נאָר מיינען —
מיר דאַכט זיך זיין זינגען פאַרגייט באַלד אין וויינען.
און אפשר אַליין האָב איך שטיל זיך צעוויינט? —
ב׳געדענק נישט אויף זיכער און ווייס נישט ביז היינט.

זיין זינגען ברענגט אָן אויך די נענטערע שכנים —
ער זעט נאָר מיין מאַמען, ער זעט מער נישט קיינעם,
און פלוצלינג, ער רייסט איבער ס׳זינגען — פאַרטראַכט,
און כ׳זע ווי מיין מאַמע אין צאַפּל דערוואַכט,
זי רייבט זיך איר שטערן, ווי זי וואָלט זיך דערמאָנען,
עס דאַכט, אירע אויגן אין פרעמדן דערקאָנען
אַ נאָנטן, פאַרגעסענעם, לאַנג שוין פאַרשוווּנדן,
און באַלד ווערט איר פּנים מיט רויטקייט צעצונדן,
זי קיין מאָל צעטומלט, ווי קיין מאָל דערשראָקן
(אין מיר קלאַפּט דאָס האַרץ און עס הילכט אָפּ מיט גלאָקן);
נאָר זי שנעל באַהערשט זיך און שטאָלץ זי דערלאַנגט
דעם פרעמדן איר בלייכע געצערטלטע האַנט.
זי רופט צו דער דינסט, וואָס דערביי איז געשטאַנען:
— דערלאַנג נאָר, איך בעט דיך, וואָס ס׳איז נאָר פאַראַנען
אויף כיבוד אין שטוב, וואָס פאַר געסט, אָנגעגרייט.
ס׳אַ היימישער מענטש, ער קומט פון דער ווייט.

און פונקט ווי דערצויגן זיך וואָלט אין סאַלאָנען,
זי נעמט מיט דעם פרעמדן די שכנים באַקאָנען.
און אַלץ איז מיט טאַקט און אַלץ איז מיט מאָס,
פונקט ווי די טיי אין געשליפענעם גלאָז,
וואָס גיסט זיך נישט איבער אַרוים פונעם ראַנד
און מאַכט נישט קיין פלעק אויפן טישטעך־געוואַנט.

עס זעצן זיך אַלע באַלד אוים אַרום טיש,
דער פרעמדער — פאַרענדערט — איז מונטער און פריש,
ער רעדט און דערציילט און מען הערט אים באַזאַכט
און מערער מאָל אויכעט ביים רעדן ער לאַכט
און ס'בליצן די ציין זיינע ווייסער ווי שניי —
נאָר מיר דאַכט, ער קריצט גאָר אין בייזקייט מיט זיי.

איך שטיי אין אַ ווינקל, פון קיינעם באַמערקט,
פאַרדרוס, אַזש ביז טרערן, אין האַלדז מיר עס ווערגט,
פאַר וואָס צו מיין מאַמען ער קוקט ביים דערציילן,
פאַר וואָס זיינע רייד אויך מיין מאַמען פאַרווײילן,
פאַר וואָס אירע רייד נאָר צו אים היינט זי ווענדט,
פאַר וואָס אַלע לאָמפּן מיט ליכטער צעבלענדט,
און ווו איז מיין טאַטע איצט ערגעץ אַליין?
און ווער איז דער פרעמדער? וואָס איז זיין מיין?
און גלייך ווי אַ בין וואָלט אַ בים מיר געטאָן,
איך לויף צו מיין מאַמען, איך הענג זיך איר אָן
מיט הענטלעך וואָס קלאַמערן פעסט איר געשטאַלט,
און הויך, אויף אַ קול, איך צעוויין זיך אויך באַלד.

אוועק איז דער פרעמדער, די שכנים אוועק
און מיך אלץ נאָך טרייסלט ס׳געוויין און די שרעק,
איך ווייס נישט פאַר וואָס און איך ווייס נישט פאַר ווען
און אויך אויף קיין פראַגן נישט ענטפערן כ׳קען,
ביי מאַמען וו׳א פיצלם איך זיץ אויף דער שויס
און לאָז פון די הענטלעך איר האַלדז נישט אַרויס.
אַזוי שוין אַ מידע פון לאַנגן געוויין,
איך שלאָף אויף איר שויס ווי אַ פיצעלעס איין.

ביי נאַכט האָט אַ חלום דעם שלאָף מיר צעשטערט:
דורך חושך ס׳געזאַנג פון דעם פרעמדן דערהערט.
איך זע באַלד די טיר האָט צעעפנט זיך ברייט,
דער פרעמדער אַריין איז מיט פאַלעס צעשפּרייט, —
די טיר ער פאַרמאַכט נישט, זי בלייבט שוין האַלב אָפן —
ער גייט צו צום בעט, וווּ די מאַמע איז געשלאָפן,
און פלוצלינג איך זע ווי מיין מאַמען ער כאַפּט,
אַרויס, און די טיר האָט מיט רעש זיך פאַרקלאַפּט.

אַ קינדערש געשריי האָט צעריסן די נאַכט
און ווי ביי אַ שרפה די שטוב האָט דערוואַכט;
מען לויפט אין די העמדער, ווי ס׳וואָלט דאָ געברענט,
דער טאַטע, די מאַמע מיך כאַפּט אויף די הענט,
זיי גלעטן מיך, טוליען מיך,ביידע צוזאַמען
און איך נאָר איך שריי: מיין מאַמע, מיין מאַמע...
דער פרעמדער, דער פרעמדער... אוי וויי מיר און ווינד...
די מאַמע צעוויינט זיך: „פון היץ רעדט דאָס קינד!“

דעם שלאָף האָט די שטוב שוין פאַרגעסן די נאַכט,
מען האָט אויך דעם דאָקטער צו מיר גלייך געבראַכט.
ער ווייסט נישט פון וואַנען עס נעמט זיך די היץ,
ביז אינדערפרי ביי מיין בעטל ער זיצט.
איך האָב אין דער נאַכט נישט מיין מאַמען דערקאָנט
(די דינסט האָט אין דעם מיך פיל שפּעטער דערמאָנט),
כאָטש ביי מיין בעטל ז'איז געשטאַנען געבויגן,
אַליין ווי אַ קראַנקע מיט געשוואָלענע אויגן.

און שפּעטער נאָך לאַנג האָט מען אַלץ זיך דערציילט,
ווי כ'האָב זיך אַליין פון דער קרענק אויסגעהיילט.
נאָר קיינער געוווּסט האָט: אין מיר עפּעס קלאָגט,
פאַר קיינעם מיין צער און מיין מורא געזאָגט,
כאָטש קיין מאָל דעם פרעמדן געזען האָב איך מער,
און קיין מאָל זיין נאָמען דערמאָנען איך הער,
דאָך ווען איך פאַרטראַכט זיך, דערזע איך אים באַלד
און פיינט כ'האָב זיין הולך און פיינט זיין געשטאַלט.
דאָס האַרץ פול מיט מורא נעמט קלאַפּן אין מיר,
איך לויף און פאַרשליס מיט אַ שליסל די טיר.
די מאַמע קוקט אָן מיך אָן פאָרוווּרף, אָן רייד,
מיר דאַכט זיך זי ווייסט, וואָס מיך קלעמט, און פאַרשטייט.

אַזוי האָט די קלעמונג אין מיר שוין געשטענדיקט,
ביז ס'האָט איר דאַזיין מיין מאַמע פאַרענדיקט.

ביים טויטנבעט

דער האַרבסטיקער טאָג אין דער לופט איז געהאַנגען
אָן הימל, מיט ווונדיקער ערד.
מיט הילכיק געקלאַפּ איז דער זייגער געגאַנגען,
דאָס אויג פון דער וועלט האָט געטרערט.

אין שטוב האָט דער אָטעם געשטיקט זיך אין קראַמפּן;
געהאַלטן אויף קייטן ס׳געשריי.
שיכור פון צער, ווי פון בריאיקן בראָנפן,
באַוועגן זיך פיס אין געגיי.

געקומען אַ פעטער, אַ מומע געקומען,
מיט ווייטיק געבראָכן די הענט.
דער טאָג האָט אויף נאַכט זיך אין שוואַרצן פאַרנומען,
ווי סמאָלע געקלעפּט צו די ווענט.

געקומען דער דאָקטער, געזעסן אַ ווייל,
געזאָגט: אַ שאָד איז שוין געלט.
געכאַפּט שנעל דעם הוט און אַרויס אין געאייל —
איז נאָך שוואַרצער געוואָרן די וועלט.

אין צימער, אין ווייטערן, פול איז מיט שכנים,
וואָס וויינען אין תהילים־געבעט.
דער טאַטע, וו'אַ דולער, ער פרעגט יעדן איינעם:
— וואָס טוט מען?... — און צו זיך ער רעדט:

— פאָטער אין הימל! אויף קינדערלעך קליינע
דערבאַרעם זיך כאָטש אין דער שעה...
די באָבע צו גאָט: די נשמה נעם מיינע...
מיין טאָכטער איז יונג, לאָז זי דאָ!...

קינדערלעך דריי, ווי די פייגל אין רעגן,
אין אַ ווינקל פאַרשטעקט, ווי געליימט,
פאַרשעמטע, געשעמט זיך אויף עסן צו פרעגן —
און קיך האָט זיך ס'יינגסטע צעוויינט.

בלייך־געל אין בעט איז געלעגן די מאַמע —
עס דאַכט זיך, ווי עפּעס פאַרקלערט —
און פלוצלינג איר האַנט אויפגעהויבן — מסתמא
ס'געוויין פונם קינד ז'האָט דערהערט.

דער הויב פון איר האַנט האָט אונדז קינדער געצויגן
דערגרייכן איר מאַמעשן גלעט,
נאָר ס'זענען ווי תהומען געווען אירע אויגן —
ווער רייסט אונדז אַוועק פון איר בעט?!

דורך שטילקייט דערפילט כ'האָב אַ גזר־דין אַ הארבן,
מיט הוילקייט פון אייביקער שרעק:
— זיי וועלן נישט לאָזן איר רואיק אויך שטאַרבן,
נעמט שוין די קינדער אַוועק...

ס'איז אָבער מיין הענטל פאַרקלעמט פעסט געבליבן
אין מאַמעס שוין טויטלעכער האַנט.
און... — זעט! איר פאַרטראַכט האָט אַ שרעקלעכן ליגן,
מיין מאַמע בעט: טרינקען דערלאַנגט...

און באַלד פרישע חיות איר האַנט האָט באַקומען,
זי גלעט זיך איר באַק מיט מיין צאָפּ,
און עפּעס גאָר שנעל האָב איך רעדן גענומען,
געטוליעט מיין קאָפּ צו איר קאָפּ.

— מאַמעשי מיינע, געזונט מוזסטו ווערן!
...זאָל נאָר דער הערבסט און די קעלט
אַוועק שוין פון דאַנען (עס שטיקן די טרערן),
דער פרילינג וועט קומען צעהעלט...

וועלן מיר ווידער, געדענקסט? ווי נישט לאַנג נאָך —
מיט אפשר אַ יאָר נאָך צוריק —
מיר זענען געגאַנגען שפּאַצירן באַנאַנד דאָך —
געשיינט האָסטו, מאַמע, פון גליק...

פייוועלע און אויך די שוועסטערלעך צוויי,
געלאָפן פאַר אונדז אין געיעג,
געקוקט האָסטו, מאַמע, מיט ליבע אויף זיי,
מיר האָסטו די הענטלעך געגלעט.

די קאַרשן געררויטלט זיך האָבן אין סעדער
און דו האָסט חלומות געשפּינט —
ווי האַרציק באַגריסט האָט אין גאַס דיך אַ יעדער,
ווי שטאָלץ געווען בין איך דיין קינד...

מיר דאַכט זיך, מיין מאַמע וויל אויך עפּעס זאָגן: —
(ווי מאָדנע עס ציקט איר געזיכט)
עס רייסט זיך פון קייטן שוין אָפּ אויך דאָס קלאָגן —
ליכט ברענגען... ליכט...

נאָך שטאַמלט זי אוים: שוועלבעלעך מיינע...
און שוין... ס'האָט איר אָטעם פאַרפעלט.
איך זע: אין איר בליק ווערט פאַרגליווערט אַן אימה
— — — — — — — — — — — — —
דער זייגער האָט אויך זיך געשטעלט...

ס'לייגט ווער אַ פעדער איר צו צו דער נאָז —
מיר דאַכט זיך עס דרייט זיך די שטוב.
די פעדער האָט אפשר באַהויכט שוין מיין בלאָז
און איך פאַל אין אַ פינצטערן גרוב.


בײַ אָבות גריבער

ראש השנה 1939

אין דעם טאָג איז ניי־יאָר געווען ביי יידן,
די זון האָט געשמייכלט אויף גילדענע קלאָנען.
נאָר ווער האָט מיט זון גאָר געקענט זיין צופרידן
אין בריאָזג פון די שויבן, אין גרויל פון קאַנאָנען.

יידן אין ווייסע טליתים געהילטע,
זיי זענען אוים היינט זיין אויף גאָט ווי פאַרביטערט,
ביים אַלטינקן זיידן די גרויע באָרד ציטערט
און ס׳שעפּטשען די ליפּן איינאיינציקע תפילה:

בורא העולם, געוויטער גיב! רעגן!...
דעם הימל פאַרדעק מיט בלייערנע כמאַרעס,
צעשפּאַלט און פאַרגים אַלע וועגן און שטעגן
ס׳זאָל שטערן דעם גאַנג פון בלוטדורשטיקע חיות.

נאָר די זון האָט געשיינט, ווי געררייצט זיך מיט אַלע.
קען מער דער זיידע נישט בעטן, נישט שעלטן.
נישט געווינט איז דער זיידע זיך פרעגן אַ שאלה
ביי גאָט וואָס איז מעכטיק און פירט אָן מיט וועלטן...

דעם טאָג האָבן דייטשישע שפּאַרבערס געצונדן
אַ הויז נאָך אַ הויז — אין פלאַמען די שטיבער,
שטייען הילפלאָזע יידן אין תפילות געבונדן
און ס'פלאַטערט דער טויט איבער קעפּ זיי אַריבער.

אין קאקאנד

די זון גייט דאָ אונטער אָן פארב,
אונטער בערג זי באַהאַלט זיך — ווערט נאַכט,
דעם זון־אונטערגאַנג אין פאַרנאַכט
אין מיין היים איך וויל זען איידער כ׳שטאַרב.

בלויע נעפּלען אין וועלדער פאַרוועבט,
גרינע סאָסנעס אין אייביקן בלי,
פייגל האָבן מיך געוועקט אין דער פרי,
ווען אויף וויעס דער חלום נאָך שוועבט.

ביי טאָג צווישן הימל און פעלד,
ווו ווינטלעך האָבן סודות פאַרטרויט,
זיך געטובלט אין גאָלדענעם ברויט
און געליבט כ׳האָב אַרום מיר די וועלט.

יעדעם פאָלק האָט מיין חלום גענערט,
פאַר יעדערן גליק אויך פאַרטראַכט,
ביז ראָזע פאַרטאָגן געוואַכט,
אין אייגענעם טרוים איינגעהערט.

ס'איז וועלט אויך געוועזן מיין היים,
מיין שטאָט, פון מיין לשון דער קלאַנג —
ווי ליב איז געווען יעדער גאַנג
אויף היימישע גאַסן צו גיין.

חרוב איז איצטער מיין היים,
פאַרלאָזט און פאַרגעסן פון גאָט —
ס'האָט מיין טאַטע אים געדאַנקט פאַר גענאַד,
און איצטער — איך ווייס נישט אַליין:

צי האָט מיך מיין טאַטע גענאַרט?
און ס'איז גאָר קיין גאָט נישט געווען?
און אפשר איז דאָס אויך געשען,
אַז פון גרויל איז ער מיד און פאַרשטאַרט?

***

עס שפּייזט מיך די פּיין מיט דעם ברויט,
פאַרחושכט איך בין און אויך קראַנק —
קיין אָנשפּאַר האָט מער מיין געדאַנק,
ער שמייסט נאָר מיט ריטער מיין הויט.

***

אַ בלוטיקע צייט האָט פאַריאָגט
אין אַ לאַנד מיך פון בוימוואָל און ווייַן,
נאָר מערער מען הערט דאָ געוויין:
פון הונגער און בענקשאַפט געפּלאָגט.

איז שיינקייט פון דאָ אויך מיר פרעמד —
אַ מאָל, אפשר, געגאַרט אַזאַ בילד:
ווו אוריוק בליט אי ראָזאַ אי מילד.
ווייטע לענדער צו זען כ'האָב געבענקט:

דאָרט ווו שניי־היטלען טראָגן די בערג
און אַריקן אין פרוכטבאַרן לויף,
ווו אַ ווייַנגאָרטן איז יעדער הויף
און מזרחדיק־פאַרביק די מערק.

ווו בריאיק איז ס'ליכט און פאַרטראַכט
שפּאַנען קעמלען מיט ערנסט און שטאָלץ,
געלאָדן מיט בוימוואָל און האָלץ —
איצט בענק איך נאָך אַ ווייסל פאַרנאַכט.

***

ס'קוקט ראַנאָ אין מיין פּנים פאַרצערט —
וואָס זאָגט איר מיין בענקשאַפט נאָך היים?
ס'ווערט שטיל אין קיביטקע פון ליים.
— שוועסטער, אַ ווײַלע נאָך וואַרט!

האָסטו געטראַכט שוין אַ מאָל,
ווען דו זעסט מיינע אויגן פול וויי,
אַז מען נעמט דיך אַוועק פון דיין סיי
און פון פרוכטבאַרן פערגאַנער טאָל?

ווי וואָלט דיין געמיט דיר געוויינט
און מיט ליידן דיין האַרץ דיר באַשווערט?
ראַנאָ־כאַן האָט זיך שטיל איינגעהערט:
— „יאָ, אַזוי כ׳וואָלט געפילט ווי דו היינט“.

קאָקאַנד 1942

קאָקאַנד — אַ שטאָט אין אוזבעקיסטאַן — מיטלאַזיע

קיביטקע — אַ הייזל פון ליים

סיי — אַ טייך אויף אוזבעקיש

ראַנאָ — אַ נאָמען פון אַן אוזבעקיש מיידל

כאַן — טייערע, געאַכטעטע

דורך בענקשאַפט

(בײַ אָפענע גריבער)

דער טרוים האָט מיר פליגל געגעבן צום שוועבן,
די בענקשאַפט געפירט האָט מיך העט איבער רוימען,
עס זענען פאַרשווונדן ווייטקייטן, צוימען,
פון היים כ׳האָב דערזען מיינע הייליקע וועגן.

דערזען כ׳האָב אָטוואָצקער, די היילנדע, וועלדער —
מיר פלעגן דאָ שטענדיק אויף זומער פאַרפאָרן,
זיך באָדן אין שווידערער טייכל דעם קלאָרן,
פאַרהיכלט מיט געזאַנג האָבן מיר דאָ די פעלדער.

אָט זע איך מיין שטאָט! מיין וואַרשע, מיין ליבע —
עס פאָרן מיט רעש די עלעקטרישע באַנען —
ווי שטענדיק איז יום־טובדיק וואַרשע אין שפּאַנען
(אַוועק, איר מחשבות, שטעכיקע, טריבע!).

און אָט איז ביעלאַנסקע. כ׳געדענק ווי ס׳פלעגט טענהן
מיין ברודער אין וויץ, מיט פינקלענדע אויגן:
ער וואָלט אויף אַ שטייער דעם שטאָטראָט באַוויגן,
לטובת דער שיינקייט, וואָס גאַסן באַשיינען.

ווייל ווו איז אַזוי פיל געשמאַק נאָך פּאַראַנען,
ווי ביי וואַרשעווער פרויען אויף גאַס, אויף שפּאַציר.
מען ווייסט נישט אַ וועלכע באַוווּנדערן פריער,
כאַטש נעם און פאַרליב זיך אין אַלע צוזאַמען.

***

פון פוילנדע מתים איצט ריחות זיך טראָגן,
צוזאַם מיט פאַרסמאַליעטע מענטשלעכע ביינער,
אויף מיין לשון דאָ ענטפערן קען מער נישט קיינער —
נאָר אַלץ איז שוין קלאָר, מען דאַרף גאַרנישט נישט זאָגן...

דאָך צאַפּלט דער ווילן, מיט אַ בליק מאַכן פריש
אין זכרון דאָס הויז ווו דער טאַטע איז געזעסן;
האָט אפשר דער תלין דעם טאַטן פאַרגעסן
און ער זיצט נאָך בכבוד ביים אייגענעם טיש?

שפּין ווייטער מיין חלום, דאָס בילד, דעם שגעון
פון אַ לעבן געבליבענעם טאַטן אין פוילן,
כאָטש כ׳ווייס, ס׳וועט זיין קבר פאַר מיר זיין פאַרהוילן,
ס׳איז אויך זיין געביין נישט געקומען צו קבר-ישראל.

אָט בין איך ביים הויז, איך לויף אויף די שטיגן —
אוי, וויפל מאָל בין איך אויף אָט אַ די שטיגן געלאָפן!
כ׳קלאַפּ אָן אין דער טיר, זי שטייט פאַר מיר אָפן
און שבתדיק טראָגט זיך פון דאָרטן אַ ניגון —

דאָס שבת-געזאַנג וואָס דער טאַטע פלעגט זינגען,
כ'בין שטענדיק צום טאַטן אויף כּיבוד געגאַנגען —
ער פלעגט מיר זיין האַנט אויף שלום דערלאַנגען
און נישט איבערגעריסן די זמירות, דאָס זינגען.

עס ווירבלט ס'געזאַנג צווישן חרובע שטיבער,
פון אומעטום קומט מיר דער טאַטע אַקעגן,
דורך טויזנטער מיילן אַהער כ'בין געפלויגן,
זיך שטעלן צוזאַמען ביי אָפענע גריבער.

קאַקאַנד, דעצעמבער 1943

פון דער ווייט

עס טראָגן ווינטן שטויבן
פון דער ווייט,
קלאַפּן אָן אין שויבן —
עמעץ שרייט.

דאַכט זיך ס'איז אַ נאָנטער,
נאָר איך ווייס נישט ווער,
אין מיין היים דערמאָנט ער,
כ'שטרענג אָן ס'געהער...

זאָל דאָס זיין מיין טאַטע?
ער רופט מיך: קינד! —
פון הימל קוקט אַ מאַטע
לבנה אין ווינט...

גליען אויף די שטויבן —
אַ פייערבראַנד,
זיי דרינגען דורך די שויבן
און דורך דער וואַנט.

דערזע איך באַלד געשטאַלטן
פון מיין שטאַם,
מיין זיידן אויך, דעם אַלטן
כ׳דערקען אין פלאַם.

די נאַכט אין שוואַרצן לויער
נעמט איין מיך בלינד,
מיט ניגון פון מיין טרויער
וויינט דער ווינט.

קאַקאַנד 1944

מיינע היימישע וועגן

עס גייען פון נעפל ארויס
מיינע היימישע וועגן,
און אלץ וואס איז בענקשאפט געוועזן
וועט צוריק ווערן וואר.
מען זאגט: כ'האב דארטן שוין מער נישט
אויף וועמען צו פרעגן —
כ'וועל פרעגן, כ'וועל פרעגן
אויף מיינע פארגאנגענע יאר,

וואס זענען מיט היים
און מיט קינדהייט פארלוירן.
מיך ציט דארט אהין, ווו ס'האבן די פיס מיינע
יונגע און דרייסטע געשפאנט.
און אלץ וואס איז נאענט געוועזן מיר...
וואס איז פון דעם אלעם געווארן?
עס ווילט זיך דאס אלץ כאטש אין דמיון פארהאלטן!
...דעם יום־טוב פון היימישן קאנט.

איצט שפּרייטן באַפּרייטע זיך אוים
מיינע היימישע וועגן,
נאָר פאַרדעכטיק עס זעט מיר היינט אוים
אי די ערד, אי דאָס גראָז.
איך וויים שוין: כ'האָב מער שוין נישט קיינעם
אויף וועמען צו פרעגן,
אויף חורבות דער ווינט דאָ
אַ הפקרער בלאָזט.

אין עשאַלאָן פון אוזבעקיסטאַן קיין פּוילן,
מאַי 1946

געקומען צוריק

דעם אָנדענק פון מיינע צוויי
יינגסטע שוועסטער
גיטעלע און חיהלע
אומגעקומען אין װאַרשעװער געטאָ

געקומען צוריק בין איך נישט אין אַטלאַסן...
עס בריען די שטיינער דורך צעריסענע שיך.
עס שטעכן מיך אויגן אויף פּוילישע גאַסן:
„זיי מיינען, זיי זענען שוין ווידער ביי זיך...״

איך הער אויבעט אָפּטער אַ ציניש לאַכן:
דורך רושטן געפאַלענע זענען זיי דאָ.
אָדער פון אונטער די שנייאיקע פלאַכן
פון וויטן סיביר — קראַקעט אַ קראָ.

אַ מידן מיין קאָפּ כ׳האָב נישט וווּ נאָך צו לייגן —
עס וועקט מיך פון גליווער אַ פייף פון אַ באַן —
עס שרעקט מיך דאָס רוישן פון ווינט אין די צווייגן,
איך הער ווי ער שעפּטשעט: פון דאָ נאָר אַ שפּאַן

וועסטו אויף ביינער פון טויטע נאָר טרעטן.
מיין בליק הייבט אָן פאָרשן מיט מורא די ערד;
דאַכט זיך די רויטקייט פון טרוסקאַווקעס שפּעטן:
דיינע שוועסטערנס בלוט האָט אונדז גענערט.

לאָדזש, סוף מאי 1946

ס׳איז דיין פּנים גרוי פון טרויער

ס׳איז דיין פּנים גרוי פון טרויער
און דו האַלטסט פאַרשטאַרט דיין בליק,
אַט אָ ברענט ער, אַט אָ שניידט ער
פון דיין אייגן האַרץ אַ שטיק.

אַט אָ פרעגט ער, אַט אָ מאָנט ער
און ער איז אויך בלוטיק רויט,
ווי פון געטאָס אַלע שרפות
וואָלטן ברענען אין זיין אויג.

וווּ דו גייסט נאָר, וווּ דו שפּאַנסט נאָר,
אומעטום עס דאַכט זיך: בלוט
און עס דאַכט: דיין דורס געביינען —
אונטער יעדן זאַמדל רוט.

לאָדזש, יוני 1946

כ׳בין געגאַנגען אין וואַרשעווער געטאָ

כ׳בין געגאַנגען אין וואַרשעווער געטאָ
אויף קופּעס פון ציגל און שטיינער,
ס׳איז אפשר גאָרנישט קיין ציגל ?
איך טרעט איבער מענטשלעכע ביינער !...
צעטומלט מיין בליק נעמט מיר לויפן
און אַלץ נעמט זיך וואַקלען אין פיבער,
כ׳וויל לויפן, אַנטלויפן, אַנטלויפן,
און פאַל אויף דער ערד איבער גריבער.

איך פיל ווי מיין לייב זיך צעווייעט
אויף דעם גאַנצן מהלך פון חורבות,
מיט טויזנטער גיי איך אין רייען
אויף צעשפּליטערטן גלאָז, הויל און באָרוועס.
ס׳בדענט מיר מיין הויט און די קליידער,
דאָס לעקן מיך בלוט־רויטע פלאַמען —
צעשראָקן אַרום מיר עס קרייזלט
מיין לאַנג שוין פאַרשטאָרבענע מאַמע.

זי ציט מיך אַרויס פון די פלאַמען —
ז'איז געקומען באַשיצן איר קינד,
נאָר ס'רופן מיך טויזנטער אויגן
און איך וואָס כ'מיין, אַז כ'ווער בלינד,
ענטפער מיט טויזנטער בליקן
און פאַרגראָב זיך אויף ס'ניי אין די ציגל.
מיין גוף, ווי אין אומגליק מיין שוועסטער,
פאַרדעקט מיין טייערסטס אין וויגל...

באַלד נעמען ציגל זיך שיטן,
פון דאָרט אַ האַנט נעמט מיך גלעטן;
אַ ביינערנע האַנט אָן אַ תיקון —
האָט זי אפשר געהערט צו מיין טאַטן?...
מען זאָגט מיין טאַטע אין פיין איז
פון שמיץ און בלוט אויסגעגאַנגען,
בין איך צוזאַמען מיט אים
אויף די חורבות פון געטאָ געגאַנגען.
איך האָב נישט איין קערפער, נאָר טויזנט,
פון אַלע רינט בלוט, ווי סטרוגעס.
איך שטיי ביזן האַלדז אין קאַלוזשעס,
אין בלוטן קאַלוזשעס איך טרינק זיך...

און ווידער חורבות זיך רירן
און ווידער אויגן מיך בעטן,
איך זאָל אָט די הייליקע שפּורן
מיט מענטשלעכע טריט נאָך באַטרעטן.

איך זאָל זיי באַוויינען, דערמאָנען,
ווי אַ מאָל ס׳פלעגט מיט נאָענטע טרעפן,
איך זאָל איין מינוט כאָטש אין חלום,
אַ היימישע טיר טאָן אַן עפן...

ביים חורבן פון וואַרשעווער געטאָ
ברענט אוים די טרער אין די אויגן.
נישטאָ מער קיין זכר פון טירן —
אין גיהנום-פיין שטיי איך געבויגן.
כ׳האָב מורא דעם קאָפּ אויפצוהויבן,
דאָרט טורעמט אַרויף זיך צום הימל
אַ קלויסטער, אַ הויכער מיט גלאָקן,
וואָס וועלן באַלד קלינגען מיט טומל.

זיי וועלן אין טומלענדן קלינגען,
פון גליווער די מתים אויפוועקן
און קעפּ וועלן שוועבן אָן גופים
און גופים אָן קעפּ וועלן שרעקן...
און ס׳וועלן די שטויבן פון געטאָ
אין ווירבל, אין קראַמפּן זיך דרייען,
און אויפהויבן זיך אין אַ נעפל
די וועלט די גאַנצע פאַרווייען...

— — — — — — — —

— — — — — — — —

אַ מאָל כ'האָב דאָס קלינגען פון קלויסטער
ווי היימישע קלאַנגען באַנומען.
דער קלויסטער געווען איז מיין שכן,
ביי נאַכט אין מיין שלאָף פלעגט ער שטומען.
היינט דאַכט מיר ווי ער וואָלט געחוזקט
פון יידישע חורבות וואָס ליגן
אַרום אים אויף מיילן צעשאָטן
ביז זיינע קאַטוילישע שטיגן.
און אַלץ וואָס איז הייליק געווען,
פון יידישן פאָלק און זיין שטייגער,
צעטרעטן, געשענדט ליגט ביים קלויסטער
און ער, ווי ס'וואָלט גאָרנישט געשען —
טיקט ווייטער פון טורעם זיין זייגער.

וואַרשע, 1946

טרויער

מיר אָנגעגאַרטלט האָט די צייט
האַרטנעקיקע פאַרלאַנגען,
בין איך — כאָטש מיט אבל־טריט —
אַנטקעגן זיי געגאַנגען.

נאָר תמיד איז אַ טריט פאָרויס
געגאַנגען שטיל מיין טרויער —
אומעטום ווו נאָר איך קום
נעבן מיר ער לויערט.

ווען איך שפּאַן זיך איין מיט מוט
אַ נעסט צוריק מיר בויען,
הער איך אויף מיין נייער שוועל
זיין טונקל־שטילן וואָיען.

און ער קלאַמערט מיך אַרום
מיט גרויסע שוואַרצע פליגל,
אין מיין אומעטיק געזיכט
דערזע איך אים אין שפּיגל.

לאָדזש, דעצעמבער 1946

כ׳האָב היינט פיש אויף שבת געגרייט

גערוידמעט מיין צווייטער מוטער
כ א ש ע ל ע ראַדזינער - ראָטשטיין
אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ

כ׳האָב היינט פיש אויף שבת געגרייט.
זאָל איך אפשר מיין טאַטן פאַרבעטן?
וועט אפשר די מאַמע מיט אַ פריידיקן גוט-שבת
מיין שוועל איבערטרעטן?
שטייט דער ווייס פאַרדעקטער טיש
און וואַרט.
וועט אפשר אַ נאָנטער קומען
און גוט שבת זאָגן?

כ׳האָב שוין אַלע פיינען אויסגעטראָגן,
אַלע וועגן מיט זיי פאַרשפּרייט.
זאָל זיין שוין גענוג!
האָב איך היינט פיש אויף שבת געגרייט.

נאָר ס׳פאַרהילן זיך אין נעפּל די ווענט,
פון נעפּל ציען זיך אויס
מיין מאַמעס הענט,
זיי צינדן ליכט אויף מיין טיש
און זיי אַליין ברענען.

פון די פלעמלעך ווערן פלאַמען,
אין די פלאַמען ברענט מיין היים,
מיין שטאָט,
מיין טאַטע, מיין מאַמע!
— — — — — — — —
איך האָב אַלץ פאַרשטאַנען
און דעם קאָפּ צו דער ערד געבויגן —
רינט דאָס בלוט פון מיין האַרץ
דורך מיינע אויגן.

לאָדזש, אפּריל 1947

קאַלינעס

כ'האָב היינט רויטע קאַלינעס געפונען —
זיי הענגען אויף ביימלעך ווי קרעלן —
כ'האָב, אַ מאָל, זיי אויף שנירלעך געצויגן,
די חברטעס אין הויף צו געפעלן.
איצט ווייזט זיך מיר אויס, אַז דאָס רינען
בלוטיקע טרערן פון אויגן.

כ'האָב אַ מאָל זיך אין טויען געשפּיגלט,
אַלע פאַרבן געזען אין זיי פינקלען,
אין דער שטאָט מיך דערמאָנט פון מיין וויגל
און געלאָזט מיך מיין קינדהייט דערהערן —
איצט דאַכט זיך מיר אויס, אַז עס טונקלען
אין טויען נאָר בלוטיקע טרערן.

טראָפּנס טוי אויף רויטע קאַלינעס,
די פאַרבן גייען מיר נאָך און בלענדן אַנטקעגן.
איך היל זיך אין בלויקייט פון באַגינען —
עס שמעקט מיט צייטיקע מאַלינעס,
וואָס פאַרפלייצן די אומהיימלעכע וועגן —
פון קאַלינעס איך קען נישט אַנטרינען.

דושניקי, זומער 1947

...און ווידער איז זומער

...און ווידער איז זומער אויף בערג און אין טאָלן,
איך בין צווישן יידן — אַ הארציקע פרייד!
איך הער ווי עס קלינגט דאָ מיין יידישער לשון,
יידישע לידער און יידישע רייד.

מיר שפּאַנען אויף וועגן, מיט זון אויף די רוקנס,
מען זאָגט, „שטילע ליבע" דער וועג, אָט דער, הייסט,
און איך נאָך די יאָרן פון פּיין און פון גרוילן
וויל אין דער „שטילקייט" געפונען אַ טרייסט.

שפּאַן איך אַליין העכער און העכער צום באַרגשפּיץ —
צו זון וואָלט איך וועלן נענטער היינט זיין,
נאָר עמעץ אַ זיפץ טוט מיט טרויער און אימה
און בלייערנע ווערן די פיס אינעם גיין.

איר ווייסט, מיינע ליבע, אַז אָט אויף די וועגן
וואָס „שטילע ליבע" מען רופט זיי בחנט,
דאָ זיינען יידן אין לאַגערס געלעגן...
— גענוג — בעט זיך איינער — נישט רעד דערפון היינט!

און עמעץ וויל זינגען פון פרידן אַ לידל —
נאָר ס׳הערט אים שוין קיינער. און באַלד מען דערפילט,
אַז ס׳ווינטל וואָס ערשט האָט געפּלאַטערט מיט זומער,
מיט פּראָסטיקע נאָדלען דאָס לייב איצט פּאַרקילט.

דושניקי, נידער־שלעזיע 1947

צו דיר, מאמע

יעדער האַרבסטיקער וועג,
אויסער דער שטאָט,
פירט מיך צום קבר פון מיין מאַמען.
אומעטום וואַקסן טאָפּאָליעס,
נאָר יענע צוויי,
ביים קליינעם בית עולם,
וועלן שוין קיין מאָל
מיר אַנטקעגן נישט קומען
און קיין מאָל דאָס טויער
צו דיר, מאַמע, נישט עפענען.
שוין לאַנג, לאַנג דיין מצבה נישט געגלעט
און דאָס לעצטע גרינע בלעטל
פון דיין קבר
אין שטורעם פאַרלוירן.
פאַרפּלאָנטערט האָבן זיך
גאַנץ וועגן
און מיין גאַנג צו דיר פאַרצוימט.
וויינען אַלע פאַלנדיקע בלעטער
און אַלע האַרבסטיקע וועגן
מיט מיין בענקשאַפט
מיין טרויער דיר צו פאַרטרויען,
דיר, מאַמע.

מיין שוועסטער רות

מיין שוועסטער רות
איז אַ ווייסער מלאך.
אין שוואַרצע, קאַלטע נעכט,
זי טוליעט זיך צו מיינע שויבן —
מיין פאַרשעמטע טויב.
זענען מיינע טעג
פון האַרבסטיקע ווינטן צעריסן,
רוף איך: רות!
שווימט זי אָן אין אַ ווייסן נעפּל
און וויינט:
האָסט אַ מצבה מיר,
שוועסטער, געשטעלט,
מיט גאָלדענע אותיות
געלאָזט זי קריצן,
יעדע וואָך
מיט פרישע בלומען באַצירט;
מיין יוגנט
אין דיין האַרץ געצערטלט.
דערנאָך
האָסטו מיין קבר נישט געפונען.

פּאַריז 1952

...און בעט צו אים
ווידער

עס דאכט זיך מיר אוים

עס דאַכט זיך מיר אוים, אַז פון יענעם טאָג
ווען כ'האָב זיך מיט גאָט פונעם הימל צעקריגט,
גיי איך אַרום דערשלאָגן און מיד,
אין שלאָפלאָזע נעכט איך וויין נאָר און קלאָג.

נאָר וואָס וועט מיין קלאָגן און וואָס וועט געוויין
מיר העלפן, אַז ס'איז מיר דער הימל נישט מער
דער, וואָס וועט הערן מיין בעטן און טרער
און איך אָן אַ גאָט קען נישט זיין, קען נישט זיין!

טאָ ווו זאָל איך זוכן איצט טרייסט און גענאָד?
ביי וועמען זיך פרעגן? אין וועלכן לאַנד?
געוואַנדערט וואָלט איך מיט אַ טאָרבע אין האַנט,
כ'זאָל וויסן, כ'וועל קענען ברענגען מיין גאָט

צוריק אויף זיין כסא הכבוד, אַהין.
איך וואָלט אין די פרייטיק־צו־נאַכטסן ביי ליכט,
פונקט ווי מיין מאַמע פאַרשטעלט מיין געזיכט
און אָפּגעוויינט ס'האַרץ זיך פאַר אים, נאָר פאַר אים.

לאָדזש, אַפּריל 1948

...און בעט צו אים ווידער

כ׳וועל קיין מאָל מיין גלויבן נישט טראָגן צו אַנדערע געטער.
מיין גאָט איז אל שדי — איך בין דאָס דורך פיינען דערגאַנגען.
כאָטש ס׳איז מיין גלויבן וו׳א הארבסטיקער בוים אָן די בלעטער,
דאָך וועל איך צו אים מיינע תפילות און פאַרטרוי אים פון האַרץ די
פאַרלאַנגען.

נאָר דעמאָלט ווען ס׳דאַכט מיר: ער האָט שוין מיין בעטן פאַרנומען
און שענקט מיר דעם שמייכל וואָס איך האָב פון לאַנג שוין פאַרלוירן,
איך פיל ווי מיין האַרץ ווידערשפעניקט אין צאָרנדיקן ברומען:
וואָס האָסטו פאַרלאָזט, אַ גאָט, מיינע ברידער אין יענע אומגליקלעכע
יאָרן...

מיט וואָלקנס דער הימל פאַרדעקט איז, אַ רעגן אַ טריבער
מישט זיך צונויף מיט מיינע ביטער-געזאַלצענע טרערן,
ס׳האָט גאָט זיך אין סודות פאַרהילט און גייט איבער מיין טענה
אַריבער —
ווייל ער האָט נישט קיין ענטפער, ווייל ער מיין טענה נישט הערן?

דאָך וועל איך מיין גלויבן נישט טראָגן צו אַנדערע געטער,
כאָטש ס׳דאַכט, אַז די גלויביקע זייערע זיי זענען די זיגער.
אַמאָל אויך מיין האַרץ אַ צעבלוטיקטס שרייט אויס צו מיין גאָט:
דו פאַרעטער!
דערנאָך כ׳וויין זיך אויס און רוף אים און בעט צו אים ווידער.

1948

עס גרינט ביזן הימל דער באַרג

עס גרינט ביזן הימל דער באַרג
און כאָטש דאָס טאָגליכט איז קאַרג,
מיט וואָלקנס די זון איז פאַרשטעלט —
האָט זיך מיין ווילן צעהעלט
און קלעטערט מיט גרינקייט אַרויף
צום אין־סוף.

אויף גיין צו דעם באַרגשפּיץ — כ׳בין מיד.
מיט מורא פאַרוועבט מיין געמיט
דער שטיינערנער פלאָנטער פון שטעג,
די יאָדלעס פאַרטונקלען דעם וועג —
פאַרוואָרצלט אין פעלדזיקן שטיין,
אייביק צו זיין.

די הויכקייט מיך פירט ביי דער האַנט,
מיין ווילן נאָך העכער ער שפּאַנט,
נאָר אַ פעלדז האָט דעם וועג מיר פאַרשטעלט,
מיין האַרץ האָט אויך אָטעם פאַרפעלט,
בלייב איך אין מיטן וועג שטיין
אַזוי נישטיק און קליין.

האָבן זיך די יאָדלעס צעלאַכט,
פון מיר, דאַכט זיך, חוזק געמאַכט,
וואָס איך אַזוי נישטיק און קליין
וויל צו דעם אין-סוף דערגיין.
נאָר איך קלעטער, כאָטש כ'ווייס עס אַליין:
איך וועל נישט דערגיין.

מאַסיוו-סאַנטראל, פראַנקרייך זומער 1950

מיר ווערן געשטרויכלט

מיר ווערן געשטרויכלט פון ווידעראַנאַנדן
און פלאָטערן ווידער מיט אייביקע צילן,
נישטאָ אַזאַ שפּייז אונדזער הונגער צו שטילן
און מידע פון אומרו אין חושך מיר לאַנדן.

אַרום אונדז דער אין־סוף מיט סודות־געווימלען
און מיר צו דעם אין־סוף אויך ווילן געהערן,
עס גרייכן חלומות אַריבער די שטערן
און זוכן דעם איינציקן גאָט אין די הימלען.

מיר ווילן אין שלום באַהעפטן פּלאַנעטן
און ווערן פאַרטיליקט אין ווייסטע מלחמות —
און אייביק מיר וויינען ביי מזכיר־נשמות
און צירן אין פּורפּור רואינען־סקעלעטן.

שטעלן מיר אָפּגעטער אונדז צו געוועלטן
און ווילן נישט זיין אויסדערוויילטע צו פלאַמען.
ווו נאָר אַ לאַנד, וואָרצלען אונדזערע שטאַמען —
נאָר ס׳וואָרצלען אין ערגעץ נישט אויך די געצעלטן.

בלייבן מיר אַלץ צווישן פעלקער אַן אומה
וואָס טראָגט דעם פּאַקל פון יושר אין וווּנדן;
יעדער נר־תּמיד פון אונדז ווערט געצונדן —
און בלייבן דער קרבן פון יעדער מהומה.

מיר ווערן געשטרויכלט פון ווידעראַנאַנדן
און פּלאָנטערן ווידער מיט אייביקע צילן,
אויף פידלען פון אייגענעם גורל מיר שפּילן
און מידע פון אומרו אין חושך מיר לאַנדן.

פּאַריז 1952

אל רחום וחנון!

אל רחום וחנון!
פרוון מיך נישט מער
דורך גרויל און דורך פלאַמען.
פונקט ווי אַ קינד און אַלט־גרויער גרייז
רוף איך:
באַווייז מיר דיין חסד און גנאָד.
איך קען נישט זיין אָן דיר גאָט,
ווי ס׳קענען נישט גרינען
קיין צווייגן אָן שטאַמען.

*   *
*

ס'איז די פרייד אַוועק פון מיר
אין ערגעץ־לאַנד,
נאָר דער טרוים ער שוועבט אַרום
מיט שטיל געזאַנג.

וויג איך זיך אויף כוואַליעס טרוים
אין יונגע טעג —
און דער אומעט מיך באַגלייט
אויף יעדן וועג.

אין פארנאכטן

אין פאַרנאַכטן הער איך זינגען.
זינגט די וועלט? צי כ'זינג אַליין?
ווייט און שטיל די טענער קלינגען
מיט דער בענקשאַפט פון געוויין.

ס'צינדט דער מערב אָן די ראַנדן
און באַגלייט דעם טאָג צו רו.
מיט פּיאָלעטענע געוואַנדן
קומט די נאַכט און דעקט אים צו.

אַלע פאַרבן פון דער שקיעה —
רויט און גרוי, גאָלד און שוואַרץ —
קומען צריק און נעמען גליען
אין מיין אויפגעצאַפּלט האַרץ.

און מיט פאַרבן אין די אויגן
און מיט פאַרבן אין געמיט,
בלייב איך אין דער נאַכט געבויגן
איבער ליכטיקייט פון ליד.

כ׳האב דיך אויסגעטרוימט

כ׳האָב דיך אויסגעטרוימט
און פון דיר אַ בילד זיך געמאַכט.
ביסטו פונעם בילד אַרויס
און מיט ווייסע ציין זיך צעלאַכט.

ביסט אַ טרוים נאָך געווען
און ס׳האָבן דיינע אויגן מיך געברענט;
כ׳האָב דאָרט אַ האַרץ געזוכט
און דעם פיבער פון דיינע שטאַרקע הענט.

כ׳האָב באַצוווּנגען דעם טרוים,
מיין יוגנט צו דיין מזבח געשטעלט;
האָט זיך אַ נר־קדוש צעצונדן
און מיר באַלויכטן די גאַנצע וועלט.

ק ו ם !

קום !
לבנה־שיין זילבערט
דעם בלויען אָרום
און טרערעלעך טוי
און שטערנדלעך בלוי
ציטערן, פינקלען
אין אַלע פיר ווינקלען
פון מיין וואַרטנדיקער וועלט.

ביימער איבער אַלע וועגן צעשטעלט
שטייען מיט אויסגעשטרעקטע צווייגן,
ווי מיינע הענט
צו דיר געווענדט,
און שווייגן.

ס'הענגט אַ ליידיקער עמער
איבער מיין ברונעם
און וואַרט
אויף דיין קומען.

אפילו די בלומען —
אין ווייסן געצירט,
האָבן אויפגעבליט אין מיינע הענט.
זיי האָבן מיך געפירט
אויף רופנדיקע וועגן
דיר אַנטקעגן.
קום.

*   *
*

ביסט געקומען און געוועזן
און איך האָב דיך היינט געזען
און האָב מיט דיר היינט גערעדט,
פאַרגעסן אין צייט,
מיין קאָפּ אויף דיין אַקסל געלייגט
און שטיל געפרעגט:
טראַכסטו פון מיר נאָר אַצינד
אין דעם בלויען אָוונטווינט?

דיין בליק איז רואיק און קאַלט,
מיר שפּאַנען צום ראַנד פון וואַלד,
וו ס'ליגן ביימער, ווי טעג אָפּגעזעגטע.
מיר זעצן זיך אויף שטאַמען אוועק,
איך טראַכט צי די וועלט האָט אַן עק,
און זאָג, אַ נישט געפרעגטע:
די זון פאַרגייט רויט —
אָן דיר, איז ווי אָן ברויט.

אויגן

אויגן קענען לאַכן און אויגן קענען וויינען,
אויגן קענען זאָגן דעם טיפסטן, ליבסטן סוד.
אויגן קענען בעטן, מאָנען אויך און טענהן,
אויגן קענען פירן מיט קאַלטקייט פונעם טויט.

אויגן ווי דער הימל, אויגן ווי די שטערן,
אויגן וואָס דערפרישן ווי אין היץ אַ קוואַל.
אויגן וועלכע רייצן, פאַרשעמען אויך ביז טרערן
און טראָגן צו דיין גומען די ביטערניש פון גאַל.

אויגן ווי די ביכער, דו קענסט אין זיי אַלץ לייענען,
אויגן וואָס אַנטהאַלטן אין בליק אַ ים פון פיין.
אויגן וואָס דו ווייסט, אַז זיי זאָגן וואָס זיי מיינען,
אויגן וועלכע ווייזן דעם אומעט פון פאַרגיין.

— — — — — — — — —

פאר וואס?

די נאַכט גיסט מיט אומעט און שרעק,
צוזאַם מיטן טריבן רעגן.
דו ביסט אַוועק —
וויל דיך מיין בענקשאַפט דעריאָגן און פרעגן:
פאַר וואָס?

פאַר וואָס מוזן שטענדיק אין פיין
צו דיר זיך ציען מיינע הענט?
פאַר וואָס מוז דאָס שטומע געוויין
בלייבן פון דיר נישט דערקענט?
פאַר וואָס?

זשומען, זשומען אויף די שויבן טראָפנס צער
און טריפן אריין אין געמיט.
און אפשר ביסטו אַצינד אין געפאַר
און ס'צאַפּלט דיין שרעק אין מיין ליד?

אפשר ביסטו גאָר איצטער אַליין
פאַרלאָזן פון נאָנטע און פריינד? —
איך וויל און מוז מיט דיר זיין
אין אַזאַ נאַכט ווי היינט.

דו ביסט איצט ווייט פון מיר, גאַר ווייט —
און אָן דיר איז פּוסט מיר די וועלט —
האָט די נאַכט אַ וואונדער געגרייט
און מיך געברענגט אין דיין געצעלט.

האָרך איך דיין אָטעם און שטוין:
דאַכט זיך דו רופסט מיך ביים נאָמען;
ס'שאַפט אַ וואונדער דער טרוים:
זע, איך בין געקומען!

מאַכסט אויף דיינע אויגן און שווייגסט,
דער רעגן האָט אויפגעהערט קלאָגן.
דיין קאָפּ אין די הענט מיינע ליגסט —
אין דרויסן דער מאָרגן נעמט טאָגן...

— — — — — — — — —

ס'האָט חלום די פליגלען צעשפּרייט;
פאַרוויגט מיך אין וויליקן טרוים,
אין וואָר בלייבסטו שטענדיק גאָר ווייט.
פאַר וואָס צווישן אונדז אַזאַ תהום?
פאַר וואָס?

*   *
*

גייסט אויף פּאַר מיר אין יעדן קלאַנג פון ליד.
קומסט צו מיר מיט יעדן וואָרט און ציטער.
ווי אַ ווינטל צאַפּלסט אין געמיט,
דיין פּנים טראָגט אַ יעדערער געוויטער.

טיף אין האַרץ די פּיין גיט אַ געשריי,
ווען פּאַר מיין פענצטער רוישן עראָפּלאַנען.
יעדע וויטקייט ברענגט מיט זיך דעם ווײ
און קלאַפּט אין טאַקט פון לויפנדיקע באַנען.

דורך טויערן פון שלאָף, צעעפנט ברייט,
דו קומסט, פּילסט אויס פון טאָג אַלע באַגערן.
דו רעדסט צו מיר די אַלע צאַרטע רייד,
וואָס נאָר פון דיר געוואָלט האָב איך זיי הערן.

וועקט דער מאָרגן מיך מיט גרויען ליכט,
שוועבסטו נאָך מיט שלאָף אויף מיינע וויעס.
ס'דערקענט דיך יעדער גוט אויף מיין געזיכט,
ווי פרילינג מען דערקענט אויף יעדן בליעכץ.

*　*
*

נאַכט, איך מעסט די גאַסן אוים
מיט מיין בענקען.
ווייל די נאַכט לבנה-שיין
מיר גאַנצע הויפנס שענקען.

גיי איך פון דער טונקלקייט
אין דער ליכט אַריבער,
לייגט אַ שווערער שאָטן זיך
פאַר מיינע פיס אַנידער.

כ׳קוק זיך איין און איך דערקען:
דער שאָטן איז דאָך מיינער!
וווּ איך גיי, ער גייט מיט מיר,
איינער, שטענדיק איינער...

ער לאָזט נישט, ס׳זאָל לבנה מיר
איר זילבער-אוצר געבן.
וואַנדער איך אין שטילע נעכט,
אַזוי דאָס גאַנצע לעבן.

* *

*

דו האָסט דיין בענקען פאַרטרויט
דער נאַכט און דעם ווינט.
דאַכט זיך מיר אויס, מיין קינד:
דער ווינט איז צו לבנה אַוועק
און סודעט זיך מיט איר
וועגן דיר.

די לבנה שמייכלט פאַרטראַכט
און רינגלט זיך אַרום
מיט אַ ליכטיקן קרייז.
פינקלען שטערנדלעך אין דער נאַכט
און זענען אויף לבנה בייז,
וואָס זי הערט דעם ווינט נישט אויס.

לייג זשע דיין קעפּל אויף מיין שויס —
דו דאַרפסט זיך
פאַר קיינעם נישט שעמען,
איך וועל אַליין שוין
דיין בענקען פאַרנעמען.

אין א זומער-נאכט

ס'האָט אַ חלום די שטוב באַוואַכט,
אין אַ שטילער זומער=נאַכט.
אַ־האָ! אַ־האָ!

ס'טריפט מיט זילבער פון די ווענט,
לבנה קומט מיט פיס און הענט...
אַ־האָ! אַ־האָ־אַ!

רופט און קלאַפּט צו מיר אין שויב
— נו, גיב זיך פונעם בעט אַ הויב!
אַ־האָ!

אויב דו ווילסט אַ וווּנדער זען, —
קען עס אין דער נאַכט געשען.
אַ־האָ־אַ...

זונען-האָזן

אַ חלום: דיינע אויגן, דיינע ליפּן, מיין שענסטער —
צאַפּלט אומרו אין מיר נאָך אַנאַנד.
ס'האָט זיך זון צעשמייכלט דורך מיין פענצטער,
טאַנצן זונען-האָזן אויף מיין האַנט.

ס'זענען פענצטער אַ סך אין דעם הויז פאַראַן;
די זון גייט ווייטער איר רונדן גאַנג.
און אין בלויען וועג, פון שפּאַן צו שפּאַן,
לאָזט זי זונען-האָזן אַ געשאַנק.

⁂

איך וויל די זון אין איר גאַנג פאַרהאַלטן!
אויף איין מינוט כאָטש זיין איר גליכן.
די שטראַלן וואָס כ'וועל אין מיין האַרץ באַהאַלטן,
זאָלן שטענדיק דורך מיינע אויגן לייכטן.

אַזוי פיל צערטלעכקייט

אַזוי פיל צערטלעכקייט עם ריזלט אין מיין גוף;
אַזוי פיל ליבשאַפט הויזט אין האַרץ, אין דער נשמה,
וויפיל פנימער און נעמען אויסגעפרוווט;
וויפיל בענקענישן פוסטקייט האָט פאַרנומען!

יעדער איינער האָט זיין ליבשאַפט און זיין צער,
יעדער איינער האָט באַגערן און אויך טרוימען,
נאָר מערער וויל מען זיין נאָר יענעמס האַר
און יעדער וויל אין צווייטנס האַרץ נאָר וווינען.

בין איך אַנדערש דען, ווי אַלע וואָס איך קען,
די מיט זוכעניש און מידקייט אין די אויגן?
האָט צעפלעמט ווען מיין ליבשאַפט זיי אין ברען?
האָט מיין צערטלעכקייט צו צאַרטקייט זיי באַוווגן?

מיט די ווינטן אפשר גיי איך אַ געפעכט? —
שמייכלען פריינדלעכע נישט-גלויביק און מיט חשדן.
פליסן טרערן אומבאַהאָלפענע אין נעכט
און פאַרפלייצן מיך מיט שטרויכלונגען=קאַסקאַדן.

אַזוי פיל צערטלעכקייט עם ריזלט אין מיין גוף,
און זאָג קיין מאָל קיינעם דאָס, וואָס איך וויל זאָגן,
ווי אין האַרבסט די בלעטער, שטאַרבט מיין צאַרטער רוף
און פון קאַלטע ווינטן ווערט ער טויב צעטראָגן.

ס'צינדן זיך די אוונט-ליכטער

ס'צינדן זיך די אָוונט-ליכטער
פון דער קליינער שטאָט
און ביי אונדזער שטילן פענצטער
שלאָפט דער אַלטער סאָד.

טיף פאַרוואָרצלט, פעסטע שטאַמען
שטייען אויף דער וואַך
און געדיכטע גרינע צווייגן
וויגן איין די נאַכט.

אויפן הימל פינקלען שטערן,
סודותדיק און ווייט.
ווייטע ליכטער, ווייטע שטערן
אין דער נאַכט צעזייט.

צינדן ליכטער, צינדן שטערן
אומרו אין געמיט,
און צו ערדיש בלאַסע ליכטער
און צום הימל ציט.

צאַפּלט אויף אַ נאַכטיק בענקען,
וואָס איך בין אַליין,
בעט איך זיך ביים אַלטן סאַד:
וויג מיט רו מיך איין.

בריכנאַ 1951

ש ט י ל

שטיל, שטיל איז די נאַכט.
נאָך שטילער, נאָך שטילער
געטראַכט.
געטראַכט און געשוויגן,
ווען אַלץ האָט געשריגן,
געשריגן אין מיר
און געבענקט נאָך דיר.
נאָך דיר!
וואָס איז נעבן,
נעבן מיר דאָ געזעסן
און אפשר אויך געבענקט
אָדער גאָר פאַרגעסן...
געבליקט צו דער טיר,
געוואַרט... אויף מיר.
אויף מיר!
וואָס איז נעבן,
נעבן דיר דאָ געזעסן.

אין טאַנץ

דו האָסט מיך געפרעגט:
ווער איז ער? ווער?
וואָס פאַר אים איז דיין בליק
אַ לויטערער קוואַל
און ס'צאַפּלט דיין האַרץ
ווי אַ זוניקער שטראַל
ווי אַ טויאיקע טרער —
זאָג, ווער?

דו האָסט מיך געפרעגט
און איך האָב געשוויגן.
און ס'האָט זיך דער ניגון
אין בלוט מיר צעוויגט,
דער טאַנץ האָט גערעדט,
ווי אַ שמייכל געגלעט,
נאָר איך האָב געשוויגן
און דו האָסט געפרעגט.

דו האָסט זיך געפרעגט,
און מיך נישט געהערט.
ציט זיך דער טאַנץ,
ווי פון קיינעם באַגערט.
ווי מידע, פאַרטרויערטע טעג,
וואָס גייען אַוועק,
פון קיינעם געמאָנטע,
פון קיינעם גענערט.

א נאַכטיק געזאַנג

1

ס'איז צעזילבערט די נאַכט
איך זיץ איינע אַליין,
פון שאָטנס באַוואַכט —
אַזוי שפּלדיק קליין.

די אויגן געווענדט
אַרום צו דער גאַס —
אַ האָפענונג לענקט,
אַ פאַרמישטע מיט כעס.

כ'בין בייז, וואָס איך וואַרט,
כ'בין בייז, וואָס איך בענק.
יעדער שאָרך מיך פאַרנאַרט,
צו דיין קומען געוועגדט.

און עס וויינט אַ פאַרלאַנג
צום צעשטערנטן רוים —
האָט אַ נאַכטיק געזאַנג
מיך פאַרוויגט אין איר טרוים:

2

דער טרוים האָט געבראַכט נאָר אַ שאָטן
און אין אים האָב איך גלייך דיך דערקענט,
מיט בלומען מיין בעט האָסט באַשאָטן
און געגלעט מיך מיט ליכטיקע הענט.

מיין נאָמען — דו האָסט אים געצערטלט
אין פאַרביקן, בלומיקן קראַנץ,
און פריילעך דו האָסט זיך געוווערטלט,
דערמאָנט מיך אין נעכטיקן טאַנץ.

די ווערטער זיי האָבן פאַרדעקט מיך,
פאַרהילט מיך מיט כישוף פון קלאַנג,
נאָר ס'האָט באַלד די וואָר אויפגעוועקט מיך
און פאַרשוווּנדן עס איז דאָס געזאַנג.

אפולע לבנה

ס׳האָט אַ פולע לבנה געלאַכט און געוויינט,
איך ווייס נישט, צי האָט זי דאָס מיך נאָר געמיינט?
צי האָט ווו, נאָך עמעץ, אין נאַכט איינגעהילט,
דאָס זעלבע געלעכטער און וויינען געפילט?

דער הימל געלייטערט אין נאַכטיקן בלוי
און דאָ אַלץ אַרום מיר איז אומעטיק־גרוי,
און ס׳ציטערט אַ טרער מיר אויף וויעס — איך ווייס —
אין פיבער די ליפּן ביז בלוט איך פאַרבייס.

ס׳צעטראָגט מיך דאָס בענקען, דער אומרו צעשפּאַרט,
איך רוף דיך אָן לשון און נאָר זיך און וואָרט.
און שפּאַן צוריק רואיק און רעד צו דער זאַך —
נאָר לבנה מיט מיר האָט געוויינט און געלאַכט.

איך זיץ און וואַרט

איך זיץ און וואַרט, עס איז שוין האַלבע נאַכט.
ס'ווערט שטיל די גאַס, דרעמלענדיק און מיד.
איך האָב געוואַרט, ווי כ'וואַרט נאָר אויף דיין קומען,
געקלאַפּט האָט ס'האַרץ ביי יעדן קלאַנג פון טריט.

געקלאַפּט האָט ס'האַרץ מיט צערטלעכע געבעטן,
נאָר ס'שווייגט די נאַכט, סודותדיק פאַרבענקט.
מיין צימער שרייט אין גאַס אַרום באַלויכטן —
אַ וווּנד דער נאַכט דער פלאַם האָט אויסגעברענט.

בלייבט שטיין די נאַכט פאַרשעמט און פון דער ווייטן,
דאַס העלע ליכט איר טרייבט פון מיר אַוועק —
אין קרייז פון ליכט עס טויכן אויף געשטאַלטן
און יעדנס בליק איז אַנגעגליטע שרעק.

ס'טראָגט אָפּ די נאַכט איר הייסן שטילן אָטעם
און שלייכט פאַרביי פיבערדיק געהיים.
אַ ראָזלעכער פאַרטאָג פאַרלעשט אַ יעדן שטערן,
נאָר ביי מיין פענצטער ער לעשט זיך אוים אַליין.

נעפל אין פרימארגן

ס׳הענגט דער נעפל אין פרימאָרגן
איבער דעכער אויסגעשפרייט
און די זון — אַ קופער־טעלער —
איינגעקלאַמערט אין אַ שייד.

גלאָצט די זון — אַ רויטער באַלעם —
צינדט אַ לעמפל אויף דער שויב —
ס׳האָט אַ קראָ זיך ווילד צעקראַקעט
זוכנדיק אויף פרישטיק רויב.

ציט דער סאָד דעם גרויען שלייער
איבער קעפ פוןביימער פויל
און ער זעט נישט, ווי די קראָ
זי האָט איר רויב שוין אינעם מויל.

נעמט די זון די האַנט פון וואָלקן
און פאַרשטעלט זיך, נישט צו זען,
ווי אין נעפלדיקן מאָרגן
איז דער ערשטער רויב געשען.

לעשט זיך אויס אין שויב דאָס לעמפל,
דורכן פענצטער דרינגט אַריין
גרויער, שווערער אומעט־נעפל
און ער זויגט מיך אין זיך איין.

ברינוא 1952

* *

*

עס שוועבט נאָך אַלץ אַרום מיר
דער ברי און דער גלעט פון דיין בליק,
עס דאַכט זיך:
געווען ביסט מיט דורות צוריק,
אין גאָר אַנדערע צייטן.
ס'זענען יאָרן פאַרגאַנגען,
פאַרוואָרלאָזטע בייטן
אָן אַקער, אָן זריעה.
אין פאַרטאָגן פריע
דו קומסט און מאָנסט,
וואָס?
דו ביסט אין מיין זכרון
טויזנט מאָל געבוירן
און טויזנט מאָל צערונען.
זוך איך דיך אין אַש
פון פאַרגאַנגענע טעג
צו געפינען?

* *
*

איך האָב דיך געקענט,
נאָך איידער איך האָב דיך דערקענט.
שטענדיק געבענקט —
נאָך דיין בליק.
איצט גיי איך אין בענקשאַפט צוריק
צו ווייטע, פאַרגאַנגענע יאָרן
און אויף דער פאַרחלומטער בריק
פון צעוויגטן זכרון,
וויל איך מיין טראַט
מיט דיינעם אויסגלייכן,
צו דערגרייכן
אַ צאַפּל פון גליק.

װעמען זאל איך פרעגן?

װעמען זאָל איך פרעגן?
צו װעמען זאָל איך גײן?
דעם װינט און אױך דעם רעגן
איך פֿיל אין זיך אַלײן.

כּאָטש זון אױף גרינע פּלײנען
שײט מיט געלן גאָלד,
מיט טריבן רעגן װײנען
כ'װאָלט האַרבסטיק איצט געװאָלט.

אין זמערדיקן מאָרגן
די פֿײגל זינגען שיר,
נאָר אומעט טיף פֿאַרבאָרגן
װאָיעט גאָר אין מיר.

עס שװעבן בלױע נעפּלען
בײם װײטן ראַנד פֿון פֿעלד —
מײן אומעט כ'װעל פֿאַרקנעפּלען
פֿאַר זומערדיקער װעלט.

דער טעם פון קוואַל

אין יעדן שליגג
דער טעם פון קוואַל.
אין יעדן זאַנג
די זעט פון ברויט,
און יעדער טראָט
זיך אָנפאַרטרויט —
מאַכט צאַפּלען
אינעם האַרץ אַ שטראַל.

יעדעס וואָרט
גערעדט, געהערט,
ווען ס׳שטייט דער בוים
מיט צווייט אין סאָד,
זענען געזאַנגען
פול גענאָד,
וואָס ווערט פון קוועליק
ליכט גענערט.

*   *
*

דו שטייסט נעבן מיר אינעם גרינעם געמרויש,
עס שווייגט און עס כישופט לבנה און נאַכט,
דער הויך פון דיין אָטעם, אומרואיק און היים —
צי האָט דיך מיין בענקען צו מיר היינט געבראַכט?

ס'איז גוט וואָס דו שווייגסט, בעסער איך הער
דיין האַרץ וואָס קלאַפּט פאַר מיר אַזוי נאָנט.
אין שאָטן פון וועלדל זע איך דיך קוים,
איך פיל נאָר דיין אָטעם בעט זיך און מאָנט...

פון ווו קומט די נאָנטקייט? איך קען דיך דריי טעג,
דאָך דאַכט זיך איך קען דיך שוין צענדליקער יאָר —
נאָר דאָס איז געוועזן אַ מאָל אינעם חלום,
דאַרפסט דו דאָס זיין די געגאַרטע שוין וואָר?

ד ו

דו,
דער פולס פון מיין האַרץ,
וואָס קלאַפּט אין ריטם פון מיין זיין —
דו,
וואָס נישט נאָר די פרייד וואָס דו גיסט,
נאָר ליב איז פון דיר אויך די פּיין —
דו,
וואָס פאַר מיר וואָלט אָן דיר
מער די זון נישט געשיינט
און גרוי, אָן פאַרלאַנגען
וואָלט זיין יעדער היינט,
דו,
וואָס בלויז טראַכטן פון דיר,
אין געדאַנקען דיך וויגן,
איז אַליין שוין געזאַנג,
איז אַליין שוין אַ ניגון.

*   *
*

נישט מיד ווער זאָגן מיר: ליבסטע,
נישט מיד ווער מיין פּנים מיר קושן,
זאָלסט זיין ווי אַ וואַנדערער אין מדבר
וואָס קומט צו אַ קוואַל צו אַ פרישן,
און איך דער קוואַל זאָל דיר זיין.

נישט מיד ווער מיר קוקן אין די אויגן,
נישט מיד ווער מיט דיינע מיך ברענען,
ווי פעלדער נאָך טוי זיך דערקוויקן
מיט זון — כ׳זאָל ווי זיי דיך דערקענען
און דו די זון זאָלסט מיר זיין.

שײַנט אַ זון אין רעגן־גאַנג

שײַנט אַ זון אין רעגן־גאַנג,
זינגט דער רעגן אַ געזאַנג.

זינגט, צעזינגט זיך אַלץ אין מיר
און באַגלייט מיך צו מײַן טיר.

גייט ס'געזאַנג אין שטוב אַרײַן,
ווערט די שטוב פֿאַרפֿולט מיט שײַן.

זע איך פּלוצלינג ווי אַ ליכט
שלאָגט זיך אָפּ אויף מײַן געזיכט.

ווער איך פֿול מיט ליכט און פֿרייד
און איך שטײַג און שטײַג.

מיין ציטריקער פלאַנץ

דו מיין ציטריקער פלאַנץ
וואָס וואַקסט מיך אַריבער
אין טעג און אין נעכט,
גענערט פון מיין צערטלעך
אומרואיקן פלאַטער.
מיט אַלע גורלות
און שטורעמס
געפירט פאַר דיין זיין
אַ געפּעכט
און וויל מיט מיין לייב
דיך פאַרהיטן פון יעדן געוויטער.
דיין יעדערער אבר,
דיין תנועה,
פון דיין יעדערן פינגער דער בויג,
פילט אויס,
ווי אַ בילד איר ראַם,
מיין האַרץ
און מיין אויג.

כ'וויל זינגען א געזאנג

כ'וויל זינגען אַ געזאַנג
ווי דער פויגל אין וואַלד;
דאָס געזאַנג וויל איך זינגען פאַר דיר.
כ'וויל שאַפן דעם קלאַנג
פון די לויטערסטע טענער
און שפינען פון ווערטער אַ שיר.

כ'וועל נעמען ביים טאָג
דעם שימער פון בלוי,
ביי זון די פעדעם פון גאָלד.
דאָס זילבער פון לבנה,
דאָס ציטערן פון שטערן,
וואָס זיין האָבן אויך זונען געוואָלט.

ביים פרילינג כ'וועל נעמען
די בשורה פון בליען,
ביים עפּלבוים ראָזיקן צווייט,
דאָס קוועלן פון טייכלעך,
דעם רויש צווישן בלעטער,
ביים אָוונט די נאַכטיקע טריט.

פון בלומען, ווי בינען,
כ׳וועל קלויבן דעם זאַפט,
דעם ריח ביים געשניטענעם היי.
פון ווינטער באַהאַלטן
די פליטערלעך ווייכע
מיט בלענד פון דעם קלאָר־ווייסן שניי.

פון אַלע די טענער
אין וואַלדיקער שטילקייט
אַ ליד איבער לידער געגרייט.
די זון, ביי דעם ראַנד שוין,
פאַררויטלט מיין טרער
און אונטער אַ בערגל פאַרגייט.

בלומען און בינען

אויף מײַן טישל שטייען
פרישע רויטע בלומען,
איבער זיי צוויי בינען
פלאַטערדיקע זשומען.

כ׳טרייב אַוועק די בינען —
ס׳שטערט מיר זייער פלאַטער,
דאַכט זיך מײַנע בלומען
טרויעריק ווערן, מאַטער.

כ׳רוף צוריק די בינען —
וועלן זיי דען הערן?
פאַלן פון די בלומען
בלעטלעך — רויטע טרערן.

סוף זומער

ניטשט ווייןǃ
עס שפּיגלט זיך די זון נאָך
מיט גאָלדענעם שיין
אין דיין פענצטער;
וויש אָפּ די טרערן און שווייג.
זע:
אַ גרינע נאָך צווייג
וויגט דער ווינט,
זיינע בלעטלעך דערמאָנען
פרילינג אין בלי
און פאַרטרויען דיר
אַ שמייכל:
אַ פייגעלע אין בלויקייט פון רוים
שוועבט — שוועבט און פאַרשווינדט...
טויכט אין בליק אויף אַ טרוים,
ווי דער הויך פון די שענסטע
און לעצטע שוין
בלומען.
ניט ווייןǃ
אין דיינע אויגן,
שטילע לויטערע טייכן,
מיניעט זיך דער רייץ
פון בורשטינענע קליאַנען.

אויף ווידערגעבורט

ס'האָבן גרויע פליגל צעשפּרייט
האַרבסטיקע ווינטן
אין רעגן.
פאַלן די בלעטער אין פּאַרק
אויף אומעטיק
ליידיקע וועגן.
די לעצטע רויזן פאַרוויינט
ווייסן:
זיי שטאַרבן
און וויאַנען אין שטילן פאַרגיין
מיט מאַט-געלע פאַרבן.

איך בייג צו די רויזן זיך צו
און וויל זיי
עפּעס וואָס זאָגן:
אַז ס'וועלן באַלד פּוכיקע שנייען
ווי פלאַטערלעך ווייסע
זיך טראָגן,
מיט קלאָר-פאַרצויגענע דעקן
זיי
וואַרעם מיט ליבע
פאַרטוליען,
ביז פרילינג
וועלן קוסטן אין רו
רויזן-קינדער אויסלוליען.

צו א דיכטער

עס האָט אויסגעשלאָגן די רגע און ס'האָט געגעבן אַלץ אַ צאַפּל —
און אפשר האָט דעם צאַפּל דערפילט נאָר איך אַליין? —
איך ווייס נישט, צי איך וועל זיך ווען נאָך שפּיגלען אין שוואַרצאַפּל
פון אויגן וואָס איך האָב אין זיך געזויגן זייער שיין.

כ'ווייס נישט, צי איך וועל נאָך זען דעם אַנגעגליטן שמייכל,
צווישן קריץ פון ציינער, וואָס דערציילט דער וועלט פון פּיין.
עס איז פאַר מיר געוועזן אויך די הייליקייט פון היכל,
וואָס דו האָסט אין וואונדערפערז פאַראייביקט זיך אַליין.

ס'האָט אויסגעקלאַפּט די רגע און עס יאָגן שוין וואַגאָנען,
אין איינעם זיצסטו אָנגעלאָדן מיט אַ שווער געמיט.
דו, וואָס דיין האַרץ האָט דאָ געקלאַפּט פאַר מיליאָנען,
ווו אַהין וועסטו איצט ווענדן דיינע טריט?

ווערסטו איצט אַ וואַנדערער אויף שווערע, שווערע וועגן —
וועסטו דאָרט געפינען אויך דיין היכל און דיין אָרט?
צי וועלן דיינע לידער דאָרט דערפרישן ווי אַ רעגן?
כאָטש פון בליצן און פון דונערן איז דיין יעדעם וואָרט...

צי ווערט מען דאָרט פֿאַרשטיין דיך? זיך גרויסן מיט דיין שטייגן,
צי וועלן זיי באַנעמען דאָס ברומען פֿון אַ לייב?
צי וועלן אויגן גליענדיק פֿאַרקוקן זיך און שווייגן,
צי וועסטו זיי באַגייסטערטע צו זיך געבן אַ הייב?

***

זאָל ווייטער, מער נאָך לייכטנדיק, באַגלייטן דיך דיין שטערן.
זאָל ער זיין אין יעדער שעה גוט צו דיר געווענדט.
נאָר ווו דו זאָלסט נישט זיין, וועל איך ס'קול דיינס שטענדיק הערן,
ווייל ס'לויפֿט דיר נאָך מיין האַרץ, וואָס זון האָט עס פֿאַרבלענדט.

דו גייסט אויף אין דיין ליד

דעם ליכטיקן אָנדענק
פון דער דיכטערין ר ח ל

דיין לעבן האָסט צעאַשט אין פלאַם פון דער עקידה,
דאָך וווּנדערלעך און גאַנץ גייסטו אויף אין דיין ליד.
ווען איך זינג דיין ניגון, ווייס איך, אַז אונדז ביידע
דער גורל האָט אין פייערן גאָר אַנדערע געשמידט.

דיין תפילהדיק געזאַנג איז ווי פרילינגדיקע סעדער,
גייען אין דיינע וועגן ווערט פאַרלאַנג און נישט נאָר טרוים.
איבערלאָזן זאַטקייט מיט דעם פוכענעם געלעגער
און ווידער ווערן פרייער ייד — דער סאַמע העכסטער לוין.

אין זומפּיקע חולאתן, אין שטיינערדיקן גליוועה,
אין מדברדיקע זאַמדן געלעגן איז די ערד,
נישט איין מאָל ביסט געפאַלן און זיך אויפגעהויבן ווידער;
דעם ווילן פון דיין האַרץ — נאָר אים דו האָסט געהערט.

דיין טרוים — ער איז שוין לעבן — אַ יידישע מדינה!
אין האָרזש האָסט פאַרפלאָכטן אַ גאולהדיקן טאַנץ.
מיט ערשטע ביסט געקומען, מיט אַקער און נגינה
מיט טרערן און מיט שוויים גענערט דעם ערשטן פלאַנץ.

אָ, זינגענדיקע רחל! ס'וועט שטענדיק מיך שוין נערן
דיין ליד, וואָס האָט די ליבשאַפט צו היים אין מיר צעגליט;
צו יעדן נייעם בוים, וואָס אַ וואַלד פון אים דאַרף ווערן,
צו אונדזער ים כנרת וואָס דיין קבר איצטער היט.

פאַריז 1951

צו דער הגנה

אויף דיינע יונגע אַקסלען
טראָגסטו דעם גורל פון דיין פאָלק,
נאָר ווייס:
דו ביסט נישט אַליין.
פון אומעטום שווימען שיפן
און מוזן צו דעם ברעג דערגיין.
עלף מיליאָן הערצער
קלאַפן אין דיין ריטם,
זעקס מיליאָן
בעטן זיך אַ תיקון.
וויברירט נאָך זייער רצון
אין דער לופט
און ברכות דיר שיקן.
אויב מאַמעס
אין די נעכט וויינען,
שטאָלצע ביי טאָג זיי שפאַנען,
ווייל ביי יעדער
צום גערעכטן קאַמף
זענען דרייסטע טעכטער
און זין פאַראַנען.
אויב גרייט זי איין קינד
צום שווערן וועג
מיט טרערן אין די בליקן —
ווייס: אַז מען וועט דאַרפן,
וועט זי אויך דאָס צווייטע
און דריטע שיקן.

לאָדזש, מאַי 1948

אויף בלעטער פון תנ"ך

אויף בלעטער פון תנ"ך
שוועבט אַן אַלטער טרוים
פון מיינע קינדעריאָרן:
איך זע זיך אויף זוניקע וועגן
קיין ירושלים פאָרן.

די מאַמע מיך רופט —
זי וויל אפשר
מיר עסן געבן,
נאָר איך בין נישט דאָ.
פאַרשטעקט אין אַ ווינקל
אין אַ פאַרחלומטער שעה,
מיטן תנ"ך אין דער האַנט,
בין איך צווישן איילבירטן
אין מיין אייגן לאַנד...

די מאַמע, ווי די מאַמע רחל זעט אוים;
צווישן ווייַנטרויבן
שטייט אונדזער שאַטנדיק הויז.
דער טאַטע איז מער נישט קיין קרעמער —
ער שניידט איצט ווייץ און קאָרן
און נאָכן שניט
וועט ער אויף יום־טוב
קיין ירושלים פאָרן.

אויף בלעטער פון תנ"ך
אַן אַלטער טרוים
פון מיינע קינדעריאָרן.

אינהאלט:

1. דערמאָנונגען

דערמאָנונגען — 9
פון מיין קינדהייט — 11
ביים טויטנבעט — 18

2. ביי אָפענע גריבער

ראש השנה 1939 — 25
אין קאָקאַנד — 27
דורך בענקשאַפט — 31
פון דער ווייט — 34
מיינע היימישע וועגן — 36
געקומען צוריק — 38
ס'איז דיין פנים גרוי פון טרויער — 39
כ'בין געגאַנגען אין וואַרשעווער געטאָ טרויער — 40
כ'האָב היינט פיש אויף שבת געגרייט — 44
קאַלינעס — 45
... און ווידער איז זומער — 47
צו דיר, מאַמע — 48
מיין שוועסטער רות — 50
— 51

3. ...און בעט צו אים ווידער

עס דאַכט זיך מיר אוים — 55
... און בעט צו אים ווידער — 56
עס גרינט ביזן הימל דער באַרג — 57
מיר ווערן געשטרויכלט — 59
אל רחום וחנון! — 61

4. אומרואיקע מעת לעתן

ס'איז די פרייד אַוועק פון מיר — 65
אין פאַרנאַכטן — 66
כ'האָב דיך אויסגעטרוימט — 67
קום! — 68
ביסט געקומען און געווען — 70
אויגן — 71
פאַר וואָס? — 72
גייסט אויף פאַר מיר אין יעדן קלאַנג — 74
נאַכט, איך מעסט די גאַסן אוים — 75
דו האָסט דיין בענקען פאַרטרויט — 76
אין אַ זומער־נאַכט — 77
זונען = האָזן — 78
אַזוי פיל צערטלעכקייט — 79
ס'צינדן זיך אָוונט־ליכטער — 80
שטיל — 82
אין טאַנץ — 83
אַ נאַכטיק געזאַנג — 85
אַ פולע לבנה — 87
איך זיץ און וואַרט — 88
נעפּל אין פרימאָרגן — 89
עס שוועבט נאָך אַלץ אַרום מיר — 90
איך האָב דיך געקענט — 91
וועמען זאָל איך פרעגן — 92
דער טעם פון קוואַל — 93
דו שטייסט נעבן מיר — 94
דו — 95
נישט מיד ווער זאָגן מיר: ליבסטע — 96
שוינט א זון אין רעגן־גאַנג — 97
מיין ציטריקער פלאַנץ — 98
כ'וויל זינגען אַ געזאַנג — 99
בלומען און בינען — 101
סוף זומער — 102
אויף ווידערגעבורט — 103
צו אַ דיכטער — 104
דו גייסט אויף אין מיין ליד — 106
צו דער הגנה — 108
אויף בלעטער פון תנ"ך — 109